# שִׂיחוֹת הָראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

## פרשת חיי שרה שנת תשפ״ב לפ״ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# שיחות וסיפורים

## שרייבן הייסט אויך לערנען

קעז) א אינגערמאן וואס איז א גאנצן טאג א מלמד אין חדר און די איבריגע חלק טאג איז ער עוסק אין הפצה, צו שרייבן גליונות און קונטרסים פונעם רבי'ן, האט זיך אויסגערעדט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אז עס קומט אים אויס זייער ווייניג צייט צו לערנען זייענדיג פארנומען מיט זיינע תלמידים און זיין הפצה, האט אים דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "שרייבן הייסט אויך לערנען; איך בין אמאל געווען ביי מוהרא"ש אין צימער, האט זיך מוהרא"ש אנגערופן צו מיר: היינט בין איך שוין זייער פארנומען מיט א רבים, קומט מיר אויס ווייניגער צייט צו לערנען ווי אמאל, אבער דער רבי זאגט (חיי מוהר"ן סימן תלד) אז שרייבן חידושי תורה הייסט אויך לימוד התורה, דערפאר אז איך שרייב בריוון איז דאס אויך לימוד התורה", און דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפירט צו דעם אינגערמאן: "דאס וואס דו שרייבסט מאכט אז אנדערע מענטשן זאלן לערנען תורה, איז דאס פאר דיין זכות".

## לערנען בשעת תלמידים דאווענען

קעח) א מלמד האט געפרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א צי ער מעג לערנען זיינע שיעורים כסדרן בשעת די תלמידים דאווענען, ער וויל דעמאלט מעביר סדרה זיין, זאגן תהלים, זאגן משניות וכו'? האט דער ראש ישיבה שליט"א אים געענטפערט: "ביי מוהרא"ש איז דאך אזוי געווען, ווען מוהרא"ש איז געווען א מלמד פלעגט ער נישט אייביג זיין בשעת די קינדער האבן געדאווענט, און דער מנהל האט געהאט טענות אויף מוהרא"ש אז ער קומט שפעט אין חדר, האט מוהרא"ש געוויזן פאר'ן מנהל "קוק ווי אזוי איך האב

אויסגעשטעלט דעם סדר אין כתה אז מען דאווענט אזוי שיין, מען קען נישט אנמערקן קיין חילוק אויף די קינדער צי זייער רבי איז יא דארט אדער נישט דארט", און אזוי האב איך ביי אונז אין מוסד א מלמד וואס ווען איך גיי אריבער זיין כתה און איך הער ארויס ווי זיי דאווענען - קען איך נישט וויסן צי דער מלמד איז דארט אדער נישט, ווייל ער האט אויסגעשטעלט דאס דאווענען מיט א גוטע סדר, מיט גבאים, בעלי תפלה, אז זיי דאווענען זייער שיין אפילו ווען זייער רבי איז נישט דארט. פארשטייט זיך אז אנהייב יאר און שפעטער ווען מען לייגט צו נאך שטיקלעך צום דאווענען דעמאלט דארף דער רבי זיין מיט די קינדער, אבער שפעטער אין יאר ווען די קינדער דאווענען שוין מיט א סדר דעמאלט איז נישט קיין פראבלעם אויב דער רבי לערנט בשעת'ן דאווענען זיינע שיעורים כסדרן".

## שייטלען

קעט) דער ראש ישיבה שליט"א האט איינמאל זייער אויסגעלויבט א איינגערמאן וואס זיין ווייב האט אויסגעטון איר שייטל, דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן צו א תלמיד: "דו ביסט דאך אן אייניקל פונעם הייליגן צאנזער רב זכותו יגן עלינו איז דאס ביי דיר א חשיבות, ווייל דער צאנזער רב איז געווען זייער שטארק קעגן שייטלען (עיין שאלות ותשובות דברי חיים, חלק ב, יורה דעה סימן נט)".

## דאס גרויסקייט און כח פון תפלה

קפ) דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט איבער דאס גרויסקייט און כח פון תפלה. א איינגערמאן א תלמיד הישיבה נרו

יאיר איז געגאנגען ארבעטן נאך זיין חתונה, נאך עטליכע יאר ארבעטן האט ער באשלאסן ער וויל גיין לערנען אין כולל, פארוואס האט ער אזוי באשלאסן? ווייל זיין ווייב זאגט אז זינט זי איז געווארן א כלה בעט זי יעדן טאג דעם אייבערשטן אז איר מאן זאל לערנען אין כולל, אזוי האט זי געבעטן דעם אייבערשטן זעקס יאר אין א צי, זי האט קיינמאל נישט געמוטשעט איר מאן ער זאל גיין לערנען, זי האט דאס נאר געבעטן פונעם אייבערשטן און נאך זעקס יאר פון תפלה האט זי דאס גע'פועל'ט! דער אינגערמאן איז אנוועזנד געווען ביי דעם שמועס, האט ער זיך אנגערופן אז ער האט נישט געוואוסט דערפון, ער טראכט אז ער האט אפגעלאזט זיין ארבעט ווייל דער ראש ישיבה שליט"א האט אים מעורר געווען דערויף, דער ראש ישיבה שליט"א האט אים איינמאל געזאגט: "וואס האסטו פון ארבעטן דיין גאנץ לעבן, דו ווערסט דאך פארשווארצט זיבעציג יאר!" - דאס האט אים געמאכט ער זאל זיך מיישב זיין צו גיין לערנען, האט דער ראש ישיבה שליט"א אים געענטפערט: איך גיי קיינמאל נישט צו צו א אינגערמאן אים מעורר זיין ער זאל אויפהערן ארבעטן און זיך זעצן לערנען, דאס וואס איך בין צוגעגאנגען צו דיר איז זיכער צוליב די תפילות פון דיין ווייב".

## טור, בית יוסף און ב"ח

קפא) רעדנדיג פון לערנען אין כולל איז דער ראש ישיבה שליט"א אריינגעגאנגען אין א הערליכע שמועס ווי אזוי מען דארף לערנען שלחן ערוך, דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: די וועלט האט א טעות, מען לערנט שנעלערהייט טור און בית יוסף, נאכדעם קוועטשט מען אין שלחן ערוך הרב און אין משנה ברורה, עס איז פונקט פארקערט, די מערסטע כחות דארף מען אריינלייגן אין טור, בית יוסף און ב"ח, דאס דארף מען לערנען גאר גוט, כדי

די יסודות זאלן זיין קלאר, עס איז גוט אפילו אויפצומישן די גמרא פון אינעווייניג און עס דורכלערנען מען זאל עס גוט פארשטיין, איינמאל מען איז קלאר אין טור, בית יוסף און ב"ח קען מען שוין אפילו פסק'ענען אליין לויט די כללי הוראה.

## יום טוב שני של גליות

קפב) איינער וואס וואוינט אין ארץ ישראל איז אריינגעקומען אויף די צווייטע טעג אין אמעריקע, האט ער געפרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א צי ער דארף האלטן דעם צווייטן טאג יום טוב וואס איז נאר 'יום טוב שני של גליות', האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: ביי דיר איז נישט יום טוב, דו מעגסט טון אלע מלאכות, אבער ברבים טארסטו גארנישט טון, קענסט נישט פארן מיט דיין קאר וכדומה. אזוי האב איך געזען ביי מוהרא"ש ווי די בחורים וואס זענען געקומען פון ארץ ישראל פלעגן אויפרוימען שמחת תורה ביינאכט דעם בית המדרש אזוי ווי אינדערוואכן, און אזוי האב איך אויך געטון עטליכע יאר שמחת תורה נאכמיטאג אז א בחור פון ארץ ישראל האט ארויפגעטראגן מיין בעבי מיט די עלעוועיטער.

## מאך עס נישט מיט נערוון

קפג) איינער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א וואס ער זאל טון ווען זיינע צוויי יונגלעך קריכן איינער אויפ'ן צווייטן, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: זאלסטו זיי זאגן רואיגערהייט אז מען טאר דאס נישט טון, אבער מאך עס נישט מיט נערוון; איך האב געהאט א תלמיד וואס האט אזויפיל געהערט דרשות פון קדושה האט ער עס גענומען מיט נערוון, און איינמאל ווען עס איז אים

געבוירן געווארן א בן זכר האט זיין שוויגער גענומען דאס קינד אים צו טוישן און ריינִיגן, איז דער אינגערמאן ארייגעלאפן צו זיין שוויגער און ארויסגעכאפט דאס קינד פון אירע הענט...

## זוכה זיין צו יונגלעך

קפד) דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט ביי א שמועס: אמאל פלעג איך זיין דער בעל תפילה אלע תפילות פון שבת, אנגעהויבן פרייטאג צונאכטס - מנחה און קבלת שבת, דערנאך שבת אינדערפרי - פסוקי דזמרה, שחרית און מוסף, שבת נאכמיטאג - מנחה, און בזכות דעם האב איך זוכה געווען צו יונגלעך, ווי דער הייליגער רבי זאגט זאגט (ספר המדות בנים אות סג): הַתְּפִלָּה שֶׁמִּתְפַּלְּלִין לִפְנֵי הָעַמּוּד בִּנְגִינָה הִוא סְגֻלָּה לְבָנִים", און דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן צו א אינגערמאן: דערמאן זיך, ווען האסטו געהאט דיין ערשטע יונגעל? ווען דו האסט אנגעהויבן דאווענען פאר'ן עמוד אין בלומינג-גראוו, פארדעם האסטו נאר געהאט מיידלעך.

## וויאזוי ס'האט אויסגעקוקט בית המדרש היכל הקודש

קפה) און דער ראש ישיבה שליט"א איז אריין אין א לענגערע שמועס וויאזוי עס האט אויסגעקוקט דעם בית המדרש היכל הקודש יארן צוריק ווען ער איז מקורב געווארן: אין אנהייב בין איך נישט געווען דער בעל תפילה, און מען פלעגט אנהייבן דאווענען זייער שפעט ווארטנדיג ביז עס איז געווארן מנין, ווייל יענער בעל תפלה האט געוואלט מקיים זיין דאס וואס מוהרא"ש שרייבט אין סדור 'עת רצון' אז די ערשטע קדיש איז די גרעסטע קדיש וואס איז דא,

אבער יענער האט נישט געכאפט אז מוהרא"ש שרייבט דאס אויף יעדע קדיש, מוהרא"ש האט געשריבן זיין סדור אויף די זעלבע מהלך פונעם בעל יסוד ושורש העבודה, וואס שרייבט ביי יעדע שטיקל דאווענען אז "דא איז די גרעסטע שטיקל", דערפאר האב איך אויפגעהערט דאווענען אין היכל הקודש, איך בין נאר געקומען דארט דאווענען צו שלש סעודות, איך פלעג דאווענען אין א אנדערע בית המדרש וואו מען האט שוין געענדיגט אויף עלעף אזייגער, 1:30 האב איך שוין געהאלטן נאך די סעודה און נאך מיין דרימל, איך בין שוין געגאנגען אין בית המדרש לערנען, איך האב יעדע וואך געענדיגט אלע מדרשים און דעם גאנצן זוהר הקדוש וכו', גייענדיג אין גאס האב איך געזען ווי דער וואס איז געווען דער בעל תפילה קומט יעצט אהיים פון דאווענען... האט ער מיר איבער געגעבן דעם עמוד און געבעטן איך זאל פרובירן מאכן אז מען זאל דאווענען צייטלעך, און איך האב עס אנגענומען.

איך האב אנגעהויבן 'הודו' פאר עס איז געווען מנין, ווען דער עולם איז געקומען האט מען געזען אז מען האלט שוין טיף אינמיטן דאווענען, אזוי איז געווען צוויי דריי וואכן ביז מען האט געזען אז מען דארף זיין צייטליך האט דער עולם אנגעהויבן קומען צייטלעך.

אויך האב איך אויך אנגעהויבן דאווענען פינף און צוואנציג מינוט פון הודו ביז ברכו, עס זענען געווען וואס האבן געהאט טענות אויף מיר פארוואס איך דאווען אזוי שנעל, אבער דער הייליגער סאטמאר רבי האט געזאגט אז אינדערוואכן גדויערט פון 'הודו' ביז 'ברכו' צען מינוט, קומט אויס אז שבת לייגט מען צו נאך פופצן מינוט איז דאס איבערגענוג, און דאס מאכט אויך אז מענטשן זאלן קומען צייטליך, ווייל אויב ווייסט ער אז ער האט 'פינף און פערציג מינוט' פאר פסוקי דזמרה קומט ער שפעט, ווייל פאר אים גדויערט עס נישט אזוי לאנג, אבער אויב ער האט נאר 'פינף און צוואנציג מינוט' מוז ער אנהייבן צוזאמען.

## דו לייגסט אריין א מענטש אין א סעלצער באטל

דער ראש ישיבה שליט"א האט ווייטער געזאגט: ביי אונז דאווענט מען נישט שנעל, אבער מען דארף זיין אין צייט אז מען קומט אן שפעט דאן איז שווער זיך מיטצוכאפן. איינמאל מען פאלט אריין צו דאווענען א תפלה אין ישיבה איז שווער אויפהערן דא דאווענען, ווייל מען ציט נישט דאס דאווענען. און דער ראש ישיבה שליט"א האט געפרעגט א אינגערמאן: וואס האסטו געטון סוכות ווען דו האסט געדאווענט אין בית המדרש ... וואו מען דאווענט זייער לאנג? האט יענער אינגערמאן געענטפערט אז ער האט אויסגעניצט די צייט פאר התבודדות, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: דאס איז אויך א שווערע זאך אז א מענטש זאל זיך דארפן אראפבינדן אין א געוויסע צייט אז יעצט דארף ער מאכן התבודדות, עס איז אזוי ווי דו לייגסט אריין א מענטש אין א סעלצער באטל, ער קען זיך נישט רירן ער מוז יעצט אזוי ליגן... ווען איך דאווען אין א בית המדרש וואס ציט אויס דאס דאווענען הייב איך נישט אן מיט'ן בעל תפילה, נאר קודם זאג איך תהלים, ווייל איך ענדיג יעדע וואך ספר תהלים, דערפאר ענדיג איך די היינטיגע יום און איך הייב שוין אן די מארגענדיגע יום.

## תהלים צווישן ישתבח און יוצר

קפו) א אינגערמאן האט געפרעגט צי מען מעג זאגן תהלים ווען מען האלט צווישן ישתבח און יוצר, און מען ווארט אז דער בעל תפלה זאל אויסלאזן, האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: מען מעג דעמאלט זאגן תהלים, דאס הייסט לצורך מצוה וואס די הלכה איז אז מען קען דעמאלט מפסיק זיין.

## דאווענען הויך אויפ'ן קול

קפז) און דער ראש ישיבה שליט"א האט ווייטער געזאגט: אויך פלעגט נישט זיין א 'קול תפלה' ביים דאווענען, פלעג איך דאווענען הויך אויפ'ן קול מיט מיינע קינדער, נאך עטליכע יאר נאכ'ן עס הערן אזוי לאנג, האט זיך דער עולם אויסגעלערנט מיין נוסח, פון דעם איז געווארן אז דער עולם דאווענט צוזאמען מיט איין נוסח 'ושמרו', 'נקדישך', 'הלל' וכו'.

## ח"י פרקים משניות

קפח) דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: מיין זיידע זכר צדיק לברכה האט מיר אסאך מעורר געווען איך זאל זאגן זוהר הקדוש, אויך האט ער מיר איינמאל געזאגט איך זאל 'זאגן' יעדן טאג ח"י פרקים משניות, פארשטייט זיך אז איך האב דאס נישט געטון, ווייל כדי אנצוהייבן זאגן יעדן טאג ח"י פרקים משניות איז נישט גענוג דאס צו הערן איינמאל, מען דארף האבן דערויף גאר אסאך חיזוק עס צו טון.

## זוהר הקדוש דארף מען לערנען מיט יראה

קפט) דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: זוהר הקדוש דארף מען לערנען מיט יראה; ווען איך קום אן אין שול בין איך זייער אויסגעשוויצט קען איך לערנען אן די בעקעטשע און שטריימל, אבער אויב לערן איך זוהר הקדוש טו איך זיך צוריק אן די בעקעטשע און שטריימל. אזוי אויך פאר איך לערן זוהר זאג איך קודם די 'יהי רצון' פונעם אריז"ל.